

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספרים וכתבי הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת ויגש תשפ"ד | גליון צה

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### אויפן פנים פון א מענטש קען מען דערקענען צו ער פירט זיך אויף ערליך

אין די פרשה לערנען מיר איבער די היסטארישע באגעגעניש, ווען נאך לאנגע יארן האט זיך יעקב אבינו ווידעראמאל געטראפן מיט זיין באליבטן זון יוסף. שטייט דארטן (מו, ל): "**וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף אָמוּתָה הַפָּעַם אַחֲרֵי רְאוֹתִי אֶת פָּנֶיךָ כִּי עוֹדְךָ חָי**", יעקב אבינו זאגט פאר יוסף; **יעצט** איז ער שוין גרייט נפטר צו ווערן, נאכ'ן **זען זיין פנים** אז ער לעבט נאך.

פרעגט דער אור החיים הק' צוויי קשיות: איינס, פארוואס דארף די פסוק זאגן "**כִּי עוֹדְךָ חָי**" - ס'איז דאך זעלבסט פארשטענדליך, אויב ער זעט זיין פנים זיכער לעבט ער?! צוויי, יעקב אבינו האט דאך שוין געהאט געהערט - ווען זיינע קינדער זענען געקומען דערציילן - אז יוסף לעבט, און ער האט דאך זיי געגלייבט, אזויווי ס'שטייט דארט אין פסוק (מה, כז): "**וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם**" אז ער האט צוריק אויפגעלעבט. אויב אזוי פארוואס האט ער נישט געזאגט גלייך "**אָמוּתָה הַפָּעַם**", נאר הערשט נאכן זען יוסף'ס פנים?!

איז דער רבי מסביר א מורא'דיגע זאך; חז"ל זאגן דאך (ברכות יח.) אז צדיקים ווערן אנגערופן "**חיים**" אפילו נאך זיי שטארבן, און רשעים ווערן אנגערופן "**מתים**" אפילו ביים פיזישן לעבן, ווייל "לעבן" הייסט; טון רצון ה'! ווען יעקב אבינו האט געהערט אז זיין טייערער זון יוסף איז אפגעפונען געווארן לעבעדיג אין מצרים, אפילו ער האט זיכער געגלייבט אז יוסף לעבט פיזיש, איז אבער זיין פרייד געווען איינגעהאלטן, ווייל ער האט חושש געווען: "גיי ווייס וויאזוי ער קוקט דארט אויס אין אזא געמיינע פלאץ, וואו עס הערשט אזא שרעקליכע טומאה אין יעדעס ווינקל...".

איבערהויפט נאך וואס ס'האט זיך ארויסגעכאפט פון זיין מויל מיט רוח הקודש אז יוסף גייט מיטמאכן א ביטער שווערע נסיון מיט אשת פוטיפר, אזויווי דער מדרש זאגט (ב"ר פ' פד) אויפן פסוק "**חיה רעה אכלתהו טרף טרף יוסף**", אז די תורה איז מרמז אז די חיה רעה - דאס מיינט די רשע'נטע אשת פוטיפר - גייט זיך אנרייצן אין יוסף אויף א שרעקליכן פארנעם, האט יעקב פשוט געציטערט; ווער ווייסט וויאזוי יוסף קוקט אויס דארט אינעם מקור הטומאה אין מצרים ר"ל?!...

פירט אויס דער רבי שווידערליכע דיבורים: "**וְדָבָר יָדוּעַ הוּא, כִּי הַצַּדִּיקִים יוֹתֵר יַחְפְּצוּ בְּהֶעְדֵּר הַבֵּן - בִּהְיוֹתוֹ בֵּן מֵבִישׁ, וּמַה גַּם יַעֲקֹב הַצַּדִּיק...**" - אז דאס איז באוואוסט, אז צדיקים וועלן ענדערש אויסקלויבן די אפוועזנהייט פונעם קינד - אויב דאס קינד איז ח"ו פארקראכן - ווי איידער אים צו זען אין א געפאַלענעם צושטאנד. בפרט אזא צדיק ווי יעקב, וואלט זיך זיכער נישט געפריידט צו זען יוסף אין אזא מין נידעריגן מצב..."

וועגן דעם קומט די תורה זאגן, אז אפילו נאך יעקב אבינו האט שוין געהערט אז יוסף לעבט איז זיין שמחה נאכאלץ נישט געווען בשלימות, ביז ער איז אראפגעקומען קיין מצרים און דארטן געזען יוסף פון דער נאנט, **וואו ער האט דערקענט אויף יוסף'ס פנים אז ער איז געבליבן ערליך און הייליג טראץ די שווערע נסיונות וואס ער איז אריבער!**

דאס איז פשט אין פסוק: "**אמותה הפעם**" - נאר הערשט יעצט גייט יעקב אבינו אויס פאר איבערראשונג אז יוסף לעבט; "**אחרי ראותי פניך**" נאך וואס ער האט קלאר געזען זיין פנים "**כי עודך חי**" - **אז יוסף לעבט נאך**, דאס הייסט **אז ער איז געבליבן א צדיק** און זיין קדושה האט גארנישט משנה צורה געווען!

וזה לשון קדשו פונעם אור החיים הק': "**כִּי הַכָּרַת הַפָּנִים תַּעֲנֶה בָּאִישׁ! וּכְמוֹ כֵן מָצִינוּ לְצַדִּיקִים שְׁלֵמִים וְכֵן רַבִּים שֶׁהִכִּירוּ בְּרֹשֶׁם הַפָּנִים מַעֲשֵׂה אָדָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן יַעֲקֹב אָבִינוּ שֶׁיַּכִּיר...**" - מיר ווייסן פון פארשידענע צדיקים וואס האבן דערקענעט אויף א מענטש'ס פנים וואס זיינע מעשים זענען, איז דאך זיכער אז יעקב אבינו האט אויך דערקענט אויף יוסף'ס פנים אז ער איז געבליבן ריין און ערליך! וועגן דעם דוקא יעצט איז ער געווארן אויסטערליש פרייליך זעענדיג אז יוסף "**לעבט**" באמת.

## פניני חיים

פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי.** (מד, יח)

לכאורה וואס איז פשט פון "**ויגש**"? יהודה איז דאך שוין ביז יעצט געשטאנען נעבן יוסף רעדנדיג מיט אים?!

קען מען זאגן בדרך דרש, לויט ווי שלמה המלך זאגט אין משלי (כז, יט) "**כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם**" - אז דאס הארץ פון א מענטש שפיגלט אפ דעם חבר'ס הארץ, איינער וואס ווייזט ליבשאפט צו זיין חבר וועט אים זיין חבר אויטאמאטיש צוריק ווייזן ליבשאפט. וועגן דעם האט דא יהודה געטון א תחבולה; **זיך צו דערנענטערן צו יוסף** - דאס הייסט צו ערוועקן ביי זיך אין הארץ א ליבשאפט צו יוסף, כדי דאס זאל אויטאמאטיש אויך ברעכן די הארטקייט ביי יוסף אין הארץ, אזוי אז יוסף זאל אננעמען זיינע תחנונים און באפרייען בנימין.

יהודה האט אבער געדארפט טון ספעציעלע פעולות מעורר צו זיין א ליבשאפט צום משנה למלך, ווייל ער האט דאך נאכנישט געוואוסט אז דאס איז יוסף, און "**מִן הַטֶּבַע לֹא יְחַבְּבוּ בְּנֵי יַעֲקֹב עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה... וּמְמֶזֶג נַפְשָׁם לִשְׂנֹא אֶת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר בְּשַׂר חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם...**" - האט יהודה נאטורליך נישט געשפירט קיין שום ליבשאפט צו טמא'נע מצריים וואס זענען געגליכן צו אַן 'אייזל'... נאר יעצט לצורך השעה - אויף צו ראטעווען זיין ברודער בנימין - האט ער אָן קיין ברירה געמוזט פועל'ן ביי זיך אין הארץ ליב צו האבן דעם משנה למלך אין מצרים.

**אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה.** (מה, ד)

ווען יוסף הצדיק האט געזען ווי זיינע ברידער האבן מורא זיך צו דערנענטערן צו אים, האט ער פארשטאנען אז מסתמא ציטערן זיי פאר אים ווייל זיי האבן אים פארקויפט. האט ער זיי געזאגט: ברידערלעך טייערע! איר האט נישט וואס מורא צו האבן; **ווייל איך בין 'אייער ברודער וואס איר האט פארקויפט'! דאס הייסט, אפילו איר האט מיר פארקויפט בין איך אייך געבליבן א ליבליכער ברודער אָן קיין טראפ שנאה**, כאילו ס'וואלט גארנישט געווען! נישט נאר דאס, נאר **"אחיכם אשר מכרתם" - אפילו בשעת די מכירה אליין ווען ענק זענען געשטאנען און מיר פארקויפט, האט אויך פאר קיין רגע נישט נאכגעלאזט דאס אחדות ביי מיר אין הארץ!!! און אפילו אין יענע מינוטן בין איך אייך געבליבן א פריינדליכער ברודער!!!**

*ס'איז מקובל אז הרה"ק ר' נח מלעכאוויטש זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט אויף דעם שטוינענדן פשט פונעם אור החיים הק';* ***אז נאר ווער עס האלט אליין אין די מדריגה קען זאגן אזא פשט!!!***

**אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה וְיוֹסֵף יָשִׁית יָדוֹ עַל עֵינֶיךָ.** (מו, ד)

דער רבש"ע האט דא געגעבן א הבטחה פאר יעקב אבינו ספעציעל אז יוסף גייט נישט נפטר ווערן בחייו, ווייל בשוגג האט דאך יעקב אבינו עטליכע מאל געזאגט אויף יוסף אז ער איז געשטארבן... וואלט דאס דאך געקענט ח"ו שאטן פאר יוסף "**כִּשְׁגָגָה הַיּוֹצְאָה מִפִּי הַשַּׁלִּיט**" [אז צומאל קומט ח"ו א שלעכטס וואס מ'האט בשוגג ארויסגעזאגט], וועגן דעם האט דער אויבערשטער מייחד געווען א באזונדערע הבטחה אז יוסף וועט איבערלעבן יעקב אבינו.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### מה שלא שלח יוסף לספר לאביו שהוא חי

**וַיַּעֲלוּ מִמִּצְרָיִם וַיָּבֹאוּ אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל יַעֲקֹב אֲבִיהֶם. וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר עוֹד יוֹסֵף חַי וְכִי הוּא מֹשֵׁל בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא הֶאֱמִין לָהֶם.**

רָאִיתִי לָתֵת לֵב בְּעִנְיַן יוֹסֵף אֵיךְ לֹא חָשׁ עַל צַעַר אָבִיו כַּמָּה שָׁנִים, וְהֵן אֱמֶת בִּימֵי עַבְדוּתוֹ נוּכַל לוֹמַר כִּי עָשָׂה וְלֹא הִצְלִיחַ, אֶלָּא אַחַר שֶׁעָלָה לִגְדֻלָּה לָמָּה לֹא כָתַב אִגֶּרֶת לְאָבִיו לְהָפִיג צַעֲרוֹ כִּי יוֹדֵעַ הָיָה יוֹסֵף גֹּדֶל הַפְלָגַת חִבַּת יַעֲקֹב בּוֹ וַיִּתְאַבֵּל עָלָיו יָמִים רַבִּים וְלָמָּה לֹא שָׁלַח לְבַשְּׂרוֹ, וְתִגְדַּל עוֹד הַקֻּשְׁיָא עַל יְמֵי הָרָעָב שֶׁהָיוּ עוֹבְרִים וְשָׁבִים מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לְאֶרֶץ כְּנַעַן וְלֹא חָשׁ עַל צַעֲרוֹ. וְעוֹד, מִי הִתִּיר לוֹ אַחַר שֶׁבָּאוּ אֶחָיו לְהַאֲרִיךְ לוֹ יְמֵי צָרָה שֶׁלֹּא לְהוֹדִיעוֹ תֵּכֶף וּמִיָּד. (מה, כו)

בפי' **הריב"א והרא"ש** (פסוק א') שניהם מתנבאים בסגנון אחד, שיוסף לא סיפר לאביו **מפני החרם** שהחרימו והשביעו כל מי שהיה שם שלא לגלות המכירה, וכ"כ **בישמח משה** (שם).

וכ"כ בספה"ק **אגרא דכלה** (סוף פרשתן), והוסיף לבאר שבבוא אחיו אליו היה מתיירא פן לא ירצו להתיר החרם, ועל כן גלגל עמהם כמה גלגולים עד שהבין שכבר מרוצים יהיו להתיר. ולכן נתוודע להם ביחוד באין איש אתו, כי לא היה רשאי לגלות לאדם זולתם.

וזה שאמר להם אני יוסף העוד אבי חי, הפירוש ששאל אותם אם מרוצים הם שיהיה אביהם חי, היינו ברוח הקודש שהוסר ממנו מן השמים כל ימי האבל בכדי שלא יגלה המכירה ברוח הקודש, עד שאמרו לו הבשורה, ותחי רוח יעקב, דמתרגמינן ושרת רוח קודשא וכו'. והיינו דכתיב ואחר כן דברו אחיו איתו והקול נשמע בית פרעה, דהיינו כשכבר **הסכימו על ההתרה אז נשמע הקול**, מה שאין כן קודם לזה. אתד"ק.

וכן כתב **בשו"ת הריב"ש** (סי' קע"ח) שהשבטים התירו החרם בעצמם כשמצאוהו חי ועבר הטעם להחרים, ודימה לזה כל חרם שניתר הטעם שיש להתירו. אולם **במשנה למלך** (פ"ו מהל' שבועות ה"ג) כתב דלא ידע מנ"ל להריב"ש שהשבטים התירו השבועה, דמה שאמרו לאביהם שיוסף חי לא היה בכלל השבועה, שהם לא נשבעו אלא שלא יגידו עיקר המכירה, וזה אפשר שלא נתגלה ליעקב, וכן כתב הרמב"ן בפירוש התורה (מה, כז).

ובפרט שעדיין לא סרה הסיבה אשר בעבורה החרימו, שאע"פ שיוסף נמצא חי הרי עדיין יש תלונת יעקב אביהם עליהם על שמכרוהו על לא חמס בכפיו, עיי"ש. והמגיה שם ציין לדברי הב"י (יור"ד סי' רכ"ח) שהביא תשובת הרשב"ץ דנמצא באגדה דהשבטים התירו החרם. וכן העיר על המל"מ בלחם יהודה (עייאש) שם, עיי"ש מה שפלפל בזה.

ובדעת רבינו שלא תירץ כן, י"ל דס"ל כמו שעורר בישמח משה שם, שהחרם שלא לגלות ליעקב היה כנשבע לבטל את המצוה דכיבוד אב, כיון שעי"ז נצטער ונתאבל יעקב הרבה, וקיי"ל דשבועה לבטל את המצוה אינה חלה, ולא היה ליוסף שום איסור לגלות' אך בגוף דברי הישמח משה יש לעיין: א. י"ל שאם היו מגלים ליעקב היה מצטער יותר שמא נטמע בין העכו"ם, וגדול המחטיאו יותר מן ההורגו, וא"כ אדרבה החרם היה קיום מצות כיבוד אב.

ב. לפי מ"ש הרמ"א (יור"ד סוסי' ר"מ) בשם מהרי"ק, שאב המצוה לבנו שלא לישא אשה שהבן חפץ, א"צ לשמוע לו, ויליף לה מק"ו דקיי"ל כיבוד משל אב, והבן א"צ ליתן לו מממונו, כ"ש דצערא דגופא א"צ לסבול בשביל כיבוד עי"ש, ולפ"ז נראה דה"ה שא"צ לסבול בושה גדולה, ואם היו השבטים מספרים היה זה להם חרפה גדולה מצד יעקב (דבזיונא עדיף מהפסד ממון, עי' ב"מ (נח, ב) גדול הונאת דברים מהונאת ממון). אם כי הערה זו נוגעת לשבטים ולא ליוסף עצמו שכמובן לא היה לו בושה מהמכירה.

## אגדה וחסידות

### מדוע לא האמין יעקב אבינו שיוסף חי, עד שראה את פניו?

**וַיַּעֲלוּ מִמִּצְרָיִם וַיָּבֹאוּ אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל יַעֲקֹב אֲבִיהֶם. וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר עוֹד יוֹסֵף חַי וְכִי הוּא מֹשֵׁל בְּכָל אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא הֶאֱמִין לָהֶם.** (מה, כו)

ובהמשך הפרשה: **וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף אָמוּתָה הַפָּעַם אַחֲרֵי רְאוֹתִי אֶת פָּנֶיךָ כִּי עוֹדְךָ חָי.** (מו, ל)

הקשה רבינו: א. מדוע לא האמין יעקב לשבטי יה שיוסף עודנו חי. ב. מהו כפל הדברים שאמר "אחרי ראותי את פניך כי עודך חי".

ומפרש רבינו כל הענין דבודאי האמין יעקב אבינו שיוסף חי וקיים במציאות גופו, אבל עדיין היה לבו כואב, והיה חושש אם עדיין נשאר בצדקותו, והאם הוא "חי" ברוחניות. כי הרשעים קרויים מתים, והטעם שחשש כיון שהוא היה מושפל ועבד בין האומות, והיה מרוחק מאביו יעקב אבינו שהוא מקור הקדושה, ונתון במקום הקליפות, ובפרט בטומאת ארץ מצרים וביותר אחרי שראה ברוח הקודש את המעשה עם פוטיפר וכמו שדרשו חז"ל, ולכן לא היתה שמחתו שלימה, כי **"דבר ידוע הוא כי הצדיקים יותר יחפצו בהיעדר הבן בהיותו בן מביש, ומה גם יעקב הצדיק"**.

ולכן רק אחרי שראה את פני יוסף, והכיר ברושם וצורת פניו הקדושות של יוסף, שהוא באותו צדקות ולא נשתנה דיוקנו הטהורה ממה שהיתה **"כי הכרת פנים תענה באיש, וכמו כן מצינו לצדיקים שלמים וכן רבים שהכירו ברושם הפנים מעשה אדם"** ולכן אמר יעקב אבינו "אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך" שהוא ראה והכיר בפניו של יוסף, "כי עודך חי" שהוא עדיין בצדקותו, ואינו ח"ו רשע שאמרו חז"ל דהרשעים בחייהם קרויים מתים, **עכ"ד רבינו הק'.**

**ובספר "ישמח משה"** עה"ת, כתב מדנפשיה ככל דברי רבינו, והוסיף לפרש דזהו כוונת יעקב אבינו במה שאמר **"לכה ואראנו"**, כי בלא זה היה אסור לו להסתכל אליו כי אסור להסתכל בפני אדם רשע, אבל עכשיו שראה צדקתו מותר להסתכל עליו, וזהו ג"כ הכוונה במה שאמר אחר כך, "ראה פניך לא פיללתי", שהוא לא חשב שיהיה מותר להסתכל אפי' על יוסף "והנה הראה אלוקים אותי גם את זרעך" כי הם כשרים וצדיקים ומסיים ה"ישמח משה", "והבן כי הוא נפלא בס"ד".

ומוסיף ה"ישמח משה" לפרש בדרך נפלא, הפסוק (מ"ה כ"ז) וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אותו ותחי רוח יעקב אביהם, דיש לפרש דגם הבהמות של הצדיקים ניכרים במיוחד למי שהוא בעל עין טובה, וכמו שמצינו בזוהר הק' (ח"ג דף רנ"א ע"ב) דהיה רשב"י מכיר בקול חמורו של ר' פנחס בן יאיר, וגם הסיפור במס' תענית (כ"ה א') דהעזים הביאו דובים בקרניהם, ויש בזה הסבר קרוב לשכל, דבהמתם של צדיקים נשמרים מעבירה, ואינם אוכלים דבר איסור, ושובתים בשבת ויו"ט, הם ניכרים במיוחד, ומזה הבין שיוסף בעצמו ג"כ צדיק, עכ"ד.

וידוע גם פירושו של **הרה"ק מרוזין זי"ע** שפירש הפסוק (מ"ה ט') "מהרו עלו אל אבי ואמרתם אליו כה אמר בנך יוסף שמני אלוקים לאדון בכל ארץ מצרים", ופירש בדרך רמז שיוסף נתכוון לומר להם, שיאמרו לאביהם שבשמים, שיוסף מעיד על עצמו, שהוא השריש האמונה בכל ארץ מצרים, ועיין כעי"ז בספר **"אמרי יוסף"** עה"ת.

מתיקות ועריבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# "אחותי רעייתי יונתי תמתי"

גדול ונשגב היה אופן התקשרותו של רבנו לשכינה הקדושה, מתוך תשוקה וערגה בלתי פוסקות, ואין אנו יכולים להשיג אפס קצהו. ביטוי לאותה תשוקת אהבה, ניתן למצוא גם בנוסח התפילה אשר תיקן רבנו לאומרה בימים הנוראים (בראש השנה לאחר תפילת העמידה קודם 'אלוקי נצור', וביום כיפור בעוד הש"צ אומר "ויעבור ה' על פניו"), בזו הלשון:

יהי רצון מלפניך אבינו מלכנו אלוקנו, ידידות אור נפשנו רוחנו ונשמתנו, למען בריתך אשר כרת לשלוש עשרה מידות שאינן חוזרות ריקם לעולם מלפניך, זכור אהבתנו וחיבתנו והשב שכינתך לבית קדשנו ותחזור להשתעשע בנו כימי קדם, כי קשתה פרידתך ממנו כפרידת נפשנו מגופנו. המו מעינו וכלתה נפשנו אל גאולת שכינתך ואל מעון קדשך, ולרצונך ה' נכספנו. הננו מתחננים ובוכים לפניך, ה' אב הרחמן, על גלות השכינה. הושיעה ה' שכינתך, ודבק נפשנו באהבתך הנעימה והערבה על נפשנו ורוחנו ונשמתנו ויעול מלכנו בהיכליה ---

במסעו המפורסם של הרה"ק רבי חיים אלעזר ממונקאטש זי"ע לארץ ישראל, בשנת תר"צ, בעלותו להשתטח על ציון רבנו שבהר הזיתים, לאחר שכילה תפילתו והגה בספר 'אור החיים' הקדוש, פתח וסיפר מעשה רב שהיה מקובל בידיו מפי אבותיו הקדושים:

בשנה שהתגורר רבנו בירושלים, הגיע אחד מאנשי שלומו וביכה את מר גורלו ושפל מצבו, לאחר שנתהפך גלגל הצלחתו והגיע כמעט עד פת לחם באין יכולת לכלכל את אנשי ביתו. תחנונים דיבר רש, שיעתיר בעדו ויפעל להיטיב מצבו. נכמרו רחמי רבנו והוא נטל פתקא, רשם עליה כמה תיבות וסגרה היטב, מסרה בידי האיש ואמר לו שיגש אל שריד בית מקדשנו ובין אבני הכותל המערבי יניח את הפתקא.

יצא האיש ויפן ללכת אל הכותל המערבי, ורוח חזקה סערה באותה עת ונשאה את מצנפתו והותירה אותו חפוי ראש, ואגב מאמציו ונסיונו להאבק ברוח נפלה הפתקא מידו והרוח נשאה אותה הרחק-הרחק. שרך האיש רגליו הכושלות ושב למעון קדשו של רבנו, וסח לו בשפל קול את אשר קרהו. נאנח רבנו וענהו: "מה אעשה ולא אסתייע מילתא".

לאחר זמן מצאו ברחובות ירושלים את הפתקא, שהיה חתום עליה את שמו של רבנו, ומצאו שכתב בפנייה ישירה אל השכינה הקדושה בזו הלשון: "אחותי רעייתי יונתי תמתי, אבקשך ברחמים להשפיע טובה לפלוני בן פלוני" ('מסעות ירושלים' להרה"ח רבי משה גולדשטיין ז"ל, מונקאטש תרצ"א).

סיפור דומה - ואולי זו גרסא שונה לאותו מעשה - מובא ב'יוסף אברהם' להגאון רבי יוסף שאלתיאל זצ"ל, מדייני סלוניקי, שעוד כאשר היה רבנו בארץ מכורתו, בא אחד מתלמידיו שהתכונן לעלות לארץ ישראל וביקש שיכתוב לו רבנו כתב המלצה. נענה רבנו לבקשתו וכתב, אך כשמסר לו את הפתק אמר לו: "הלא בירושלים עיר הקודש אין חכמי העדה מכירים אותי ולא שמעו את שמעי, ואינני יודע אם המלצתי תסייע לך שיושיבוך במקומך ויתנו לך משלך. עצתי איפוא, שבהגיעך ירושלימה תסור לכותל המערבי ותיתן את הפתק לשכינת עוזנו". עשה התלמיד כעצת רבנו, והניח את הפתק בסדקים שבין אבני הכותל המערבי, ובתוך זמן קצר השיגה ידו כדי פרנסתו בכבוד.

[המעשה מובא גם ב'פדה את אברהם' ('מערכת הבית' אות טו) להגאון רבי אברהם פלאג'י זצ"ל (בן הגאון רבי חיים פלאג'י זצ"ל, מחכמי איזמיר). ב'שו"ת ציץ אליעזר' (חלק י, סימן ה) להגאון רבי אליעזר יהודה וולדינברג זצ"ל כתב, שאולי זה מקור המנהג שנהגו רבים מאחינו בני ישראל להטמין פתקי בקשותיהם בין אבני הכותל המערבי (וראה שם, שאולי יש לפקפק במנהג זה, ויתכן שיש לאסור להכניס הידיים בחורי הכותל)].

**ניתנה רשות למשחית...**

משהגיע רבנו לירושלים עיר הקודש, חברה ותכפה קדושת הצדיק לקדושת המקום, ובלב רבנו גאתה השאיפה לקרב קץ הגאולה ולראות בבנין בית המקדש. ראתה הטומאה כי זה האיש מרגיז הארץ ומרעיש ממלכות, וכביכול הכריזה עליו מלחמה.

בספרו 'מלכי רבנן', סיפר הגאון רבי יוסף בן נאים זצ"ל מפי השמועה, כי בהגיע רבנו לעיר הקודש ירושלים הלך להתפלל בכותל המערבי, ובשעה שהיה שוטח תפילתו ומתחנן בעד ישועת ישראל ראה דמות אשה שחורה הניצבת לעומתו. שבעתיים גדלה הבהלה, כאשר שמעה רבנו שהיא אומרת לו בפירוש: "אני קליפה וניתנה לי הרשות לרדוף אותך בשנה זו" - היא שנת הסתלקותו.

במסירות נפש למען כלל ישראל, לחלץ את קהל עדת ישורון מטומאה ומגזירה, היה מוכן רבנו להסתלק מן העולם ---

[ב'ילקוט יוסף' (ירושלים תרצ"ד) להגאון רבי יוסף ילוז זצ"ל, מחכמי טבריה, הביא אגדה זו בשם זקני ירושלים והסמיכה לדברי רבנו ב'אור החיים' לפרשת ויחי שנאבק עם כוחות הטומאה הזכר והנקבה והתקשה בהכרעתה, והוסיף: "אמר המאסף: אולי זו היא הנקבה אשר רמז עליה שלא יכול להכניעה כבעלה הזכר" - ולא דק. שכן הספר 'אור החיים' נכתב ונדפס קודם עליית רבנו לארץ ישראל, בעוד שהאגדה מתייחסת למחזה שנגלה לו בכותל המערבי בשנת תק"ג].



# די טיפע סודות וואס זענען באהאלטן אין ספר "אור החיים הקדוש" [ג]

עס ווערט דערציילט, אז נאך וואס דער הייליגער רוזשינער זי"ע איז ארויס פון תפיסה, נאכן אפזיצן באלד צוויי יאר צוליב א מסירה פון זיינע מתנגדים, האט אים זיין איידעם הרה"ק ר' יצחק מסקווירא זי"ע - וועלכער איז ל"ע אן אלמן געווארן אין פארלויף די תקופה וואס זיין שווער איז געזיצן אין תפיסה - פארבעטן צו אים אויף שבת. דער הייליגער רוזשינער האט אנגענומען די בקשה, און ער איז געקומען צום איידעם אויף שבת פרשת אחרי מות.

יענעם שבת, האט דער הייליגער רוזשינער געזאגט אין א שמועס: **"דער אור החיים הק' רעדט אנהייב פרשה אויף "השכלת השכל". מיין זיידע דער גרויסער מגיד פון מעזריטש האט געזאגט; אז דער אור החיים הק' האט אין דעם מרמז געוועזן צען מדריגות אין "מסירות נפש"!"** נאכדעם האט דער הייליגער רוזשינער אויסגעפירט: "מיין זיידע האט גוט פארשטאנען אין 'מסירות נפש', אבער היינטיגע צייטן זאג איך, אז א איד וואס זאגט 'אשרי יושבי ביתך' ווי עס דארף צו זיין - איז עס 'מסירות נפש'!..."

[אן ענליכע 'נוסח' ווערט געברענגט אין ספר **'דרך ניחומיך'** - להרה"ח ר' נחום מרדכי פרום ז"ל מחשובי חסידי סקווירא ומחנובקא. און דארט לייגט ער צו, אז הרה"ק ר' יצחק מסקווירא זי"ע האט מעיד געווען, אז בשעת ווען דער הייליגער רוזשינער האט געזאגט די מורא'דיגע דיבורים, האבן אלע אנוועזנדע געזען אויף אים אז ער איז אנגעקומען צו א מדריגה פון "התפשטות הגשמיות"!

אן אנדערע גירסא ווערט געברענגט אין **'ילקוט מאורי אור'** - בשם כ"ק מרן אדמו"ר מסקווירא שליט"א - אז זיין זיידע הרה"ק ר' יצחק זי"ע האט געזאגט פונעם הייליגן רוזשינער; **"אז היינטיגע צייטן קען א איד זאגן 'שמע ישראל' און אויך האבן דעמאלט צען מעלות פון מסירות נפש!"** און הרה"ק ר' יצחק זי"ע האט אויף דעם מוסיף געווען: **"אז היינט קען א איד זיצן שטילערהייט, און אָן עס זאל זיך דערקענען עפעס פון דרויסן, קען ער אנקומען צו צען מעלות אין מסירות נפש!"**]

ימ'ען פון טינט האבן זיך שוין פארגאסן אויף די פארשלאסענע רייד פונעם אור החיים הק' אינעם אויבנדערמאנטן שטיקל אין פרשת אחרי מות (ויקרא טז, א). הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ זי"ע האט געשריבן אויף דעם אין זיין ספר **'ערבי נחל'** דעם לשון וואס מיר האבן שוין ציטירט אין פאריגן גליון: **"עַיֵּן מַה שֶּׁכָּתַב בָּזֶה רוּחַ אַפֵּינוּ בְּסֵפֶר 'אוֹר הַחַיִּים', וּדְבָרָיו בִּלְתִּי מֻשָּׂגִים רַק בְּרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ!..."** - אז נאר מיט רוח הקודש איז מען מסוגל דאס משיג צו זיין!

הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע אין זיין ספר **'אוצר החיים'** (ויקרא מצוה קכה), נאך וואס ער איז מסביר דעם אויבנדערמאנטן שטיקל אור החיים הק' מיט א טיפן ביאור על פי קבלה, ענדיגט ער בזה הלשון: **"כַּךְ נִרְאֶה לַעֲנִיּוּת דַּעְתִּי לְפָרֵשׁ בְּאֵימָה וְיִרְאָה קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים אֲשֶׁר נֶאֶמְרוּ בָּרוּחַ אֱלֹקִים חַיִּים! וְאֶפְשָׁר כִּוַּנְתִּי לְאֶחָד מִן אֶלֶף לְכַוָּנַת הַקָּדוֹשׁ..."**. פון דעם קען מען באקומען א שטיקל השגה מיט וועלכע חרדת הקודש ער האט זיך געזעצט מפרש זיין דעם שטיקל.

אין ספק **'אור תורה'** להגה"ק רבי שלום תאומים זצוק"ל ברענגט ער דעם שטיקל אור החיים הק', און לויט דעם איז ער מסביר בדרך החסידות דעם פסוק אין פרשת בחקותי (ויקרא כו, טו) **"ואם את משפטי תגעל נפשכם..."**, אז דא אין פסוק ליגט באהאלטן א ברכה, אז די אידן וועלן זוכה זיין צו א מדריגה פון "תגעל נפשכם" - דהיינו זיי וועלן אנקומען צו א בחינה פון "התפשטות הגשמיות", דורכדעם וואס זיי וועלן זיך באהעפטן אינעם "שכל אלקי" מיט די מצוות פון די תורה!

און רעדנדיג איבער די הויכע בחינה פון וואס דער אור החיים הק' רעדט, ענדיגט ער צו: **"כַּאֲשֶׁר בֵּאֵר לָנוּ שֶׁמֶץ מִנֵּהוּ רַבֵּינוּ הַגָּדוֹל בַּעַל 'אוֹר הַחַיִּים' זלה"ה, אֲשֶׁר אֲמִתּוּת אוֹר הַתּוֹרָה הוֹפִיעַ עָלָיו... וּבָרוּךְ ה' אֲשֶׁר הֵאִיר עֵינֵינוּ בְּתוֹרַת אֱמֶת אֲשֶׁר הוֹפִיעַ עָלֵינוּ בְּדִבְרֵי קָדְשׁוֹ..."**.

אויך אין ספר **'מאמר מרדכי'** להגה"ק רבי מרדכי לעטניר מדראהביטש זצוק"ל (מגדולי תלמידי ה'חוזה' מלובלין, המגיד מקאזניץ, והרה"ק רבי צבי הירש מזידיטשויב זי"ע) ווערט געברענגט די בריוו וואס ער האט געשריבן אין ענטפער צו די בקשה מסביר צו זיין דעם שטיקל אור החיים הק', וואו ער הייבט אָן ווי פאלגענד: **"עִיַּנְתִּי בְּדִבְרֵי קָדְשׁוֹ הַסְּתוּמִים, וּבֶאֱמֶת 'נֵר' בְּ'אוֹר הַחַיִּים' מַהוּ?... אָמְנָם אָמַרְתִּי וִיהִי מָה, תּוֹרָה הִיא וְלִלְמֹד אֲנִי צָרִיךְ. וְאַחַר הָעִיּוּן הָדֵק הֵיטֵב בְּדִבְרֵי קָדְשׁוֹ, נִפְתְּחוּ לִי שַׁעֲרֵי אוֹר הַחַיִּים בְּכַמָּה דְרָכִים עַל פִּי הַקְדָּמַת רַבֵּינוּ קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים הָאֲרִיזַ"ל וְהָרַמַ"ק זַ"ל וּבְרֹאשָׁם דִּבְרֵי הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ..."**

און נאכן מאריך זיין מיט א טיפן הסבר, ענדיגט ער דעם בריוו מיט'ן לשון: **"וְעוֹד לֶאֱלוֹ-הַּ מִלִּין לְבָאֵר בִּדְבָרָיו הַק' כַּמָּה רָזִין טְמִירִין, אָמְנָם מוֹרָא עַל רֹאשִׁי לְבָאֵר בְּמִכְתָּב. וְהָרְאָיָה שֶׁהֲרֵי הָרַב אוֹמֵר כֵּן בְּרֶמֶז סָתוּם..."** - ער כאפט א ציטער ארויסצושרייבן אינעם בריוו די אלע סודות וואס זענען אים אלס נתגלה געווארן אין דעם שטיקל אור החיים הק', ווייל אפילו דער אור החיים הק' אליינס האט דאס נאר געשריבן מיט א באהאלטענעם רמז, נישט וועלנדיג אנטפלעקן וואס דאס מיינט!

דאס איז בלויז א 'טיפה מן הים' צו זען ווי טיף די ווערטער פונעם אור החיים הק' זענען, אזוי ווייט אז אפילו גאר געהויבענע גדולי ישראל פון די פריערדיגע דורות וואס האבן געהאט א שטיקל השגה אין די סודות התורה האבן געציטערט צו זאגן פשט אין זיינע הייליגע דיבורים!

## בית מדרשי 'כנסת ישראל' יכון לעד...

הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, התבטא ואמר: "ווען איך וואלט געווינט אין ארץ ישראל, וואלט איך געלרענט ביים שול פון 'אור החיים' הקדוש, און איך וואלט גענעכטיגט ביי די מאמע רחל [- אם הייתי מתגורר בארץ ישראל, הייתי לומד בבית הכנסת של ה'אור החיים', והייתי שוהה בלילות בקבר רחל].

**החל משבוע הבעל"ט במדור 'הליכות חיים' סידרת פרקים מרתקים, על שאיפתו של רבינו בעל אור החיים הקדוש לעלות לירושלים עיר הקודש, והקמת הישיבה 'מדרש כנסת ישראל' בעיר העתיקה. תיאורים מאלפים ועדויות החל משלבי ההקמה, פתיחת הישיבה, תומכיה, ופרשת גדולת גדולי התלמידים שזכו לאור באור החיים.**

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com